## דער חלף און די זעג

ס'טרעפט אַמאָל זיך אויכעט,
אַז אַ שײַטל האָלץ צעזעגן מוז אַ שוחט.
איז געשען,
ס'האָט דער חלף גראָד די זעג דערזען
און צעלאָזט די שאַרפע צונג.
— זע נאָר, זאָגט ער, יענעם גראָבן יונג!
שטשורעט מיט די ציין!... אַ פרייד אויף אים איז!
אפשר ווייסט איר וואָס? אומשטיינס־געזאָגט אַ צורה!
גאָלע פגימות!
קריצן,
שפיצן
גאָר אַ גאַנצע שורה!
טריפה דאָך פון קאָפּ ביז פיס!
און וואָס זאָגט איר אויף זײַן הולך? אויף די הילצערנע מלבושים?
הערט איר, אַז איך טו אַ קוק אויף דעם מגושם,
דאַנק איך ערשט זײַן ליבן נאָמען, וואָס ער מאַכט אי שיין אי מיאוס.
וויל איז מיר! מײַן חלק זיס!
ניט קיין פיצל
קריצל
אויף מײַן כשר קלינגל! ניט קיין שפּרענקעלע! קיין פגימל!
איז אַ חידוש, וואָס דער פרומער רב אלקנה
נעמט מיך אין די הענט מיט הייליקייט, כּוונה,
מאַכט אַ ברכה, טוט אַ ווונק צום הימל?
— אמת, זאָגט די זעג בתמימות (צי גאָר מיט אַ מיין?),
יאָ, איך זאָג אַליין:
רב אלקנה איבער מיר אַ ברכה?
שיינע זאַכן!
דאָס געוועזן וואָלט ממש נאָר צום לאַכן.

וואָס בין איך? אַ פּראָסטער בעל־מלאכה.
ניט איך בלינצל, ניט איך פינקל,
שטיי מיר אין אַ טונקל ווינקל,
ווייס מײַן אָרט און בין בײַ זיך ניט חס ושלום שטאָלץ.
וואָס, איך קען דען מער ווי זעגן האָלץ?
אָבער דו — אַ קלייניקייט! — שנײַדסט־איבער דאָך אַ האַלדז!

*

קומט דער מוסר־השׂכל און שיט־צו אַביסל זאַלץ:
נאָך עד היום איז אַ זעג, אַ בעל־מלאכה,
גאָר אַ פלעק אין דער משפּחה,
און אַ שאַרפער חלף האָט הצלחה —
אי ער קוילעט, אי מע מאַכט אויף אים אַ ברכה!

